בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת במדבר

שנת תשפ"ב לפ"ק

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.8 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.30

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת במדבר

**ס'קומט** א פרישע וואך א פרישע חודש, און אין א געוויסע בחינה קומט א פרישע יאר, מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה עד ראש השנה האבן צדיקים געזאגט אויף דעם אז ממילא א בילקע ארויף א בילקע אראפ אבער ווען ס'קומט חודש סיון די יום הדין אויף תורה אי לאו האי יומא דקגרים כמה יוסף איכא בשוקא, דארף מען זיך אין די טעג נעמען אין די האנט אריין, מ'דארף פשוט וויינען פאר'ן אויבערשטען, איך וויל נישט זיין קיין רחמנות אויף די גאס, אונז ווילן זיין בני תורה, בני תורה איז א בחינה פון בן, א קינד פון א טאטע קען מען קיינמאל נישט אפשיידן.

**דאס** איז די חילוק צווישן א בעל עבירה און א בן תורה, פארוואס ביי עבירה זאגט מען בעל און ביי תורה זאגט מען בן, ווייל ווען איינער טוט א עבירה קען ער תשובה טון איז ער בלייבט נישט שטענדיג מיט די עבירה איז נישט שייך צו זאגן בן עבירה נאר בעל עבירה, אבער די תורה מ'בלייבט שטענדיג מקושר צו די תורה איז עס א בן תורה.

**אבינו** אב הרחמן המרחם רחם עלינו, מ'איז דריי מאל א רחמנות אויב מ'איז נישט א בן תורה, אבער פון די אנדערע זייט איז המרחם רחם עלינו, אפילו איינער וואס פאלט אדורך און סיי וואס האט דער אויבערשטער רחמנות אויף אים, און נאכאמאל רחמנות און נאכאמאל רחמנות, און דריי איז שוין א חזקה, דארף מען אביסל דרייען אין לערנען און פארשטיין אז דער אויבערשטער שיקט אריין אורות.

**ס'קומט** א פרישע סדר, פון סדר ויקרא גייט מען אריין צו סדר במדבר, סדר ויקרא איז קריאה של חיבה, ס'איז ארום גענומען מיט פורים און פסח און די ימי הספירה, און מ'גייט אריין אין סדר במדבר, און ס'קומט זומער אויף דער וועלט, מענטשן מיינען אז זומער איז גוט ווייל מ'קען זיך אפרוען, מ'ווייסט אבער נישט וויפיל מ'קען קאליע

מאכן און די זומער טעג, מ'דארף האבן גרויסע זהירות אין די זומער טעג סיי אין שמירת עינים און סיי אז זומער ווייל מ'פארט אוועק האט מען וויי'ניגער עול, ויקבלו כולם את עול מלכותך עליהם, ווילאנג ס'איז דא א עול מלכותך עליהם איז ויקבלו כולם, אבער די סעקונדע וואס מ'לאזט איבער דעם עול זאגט די פסוק אין איכה טוב לגבר כי ישא עול מנעוריו, אז א מענטש האט א עול דארף ער וויסן די בחינה פון טוב לגבר כי ישא עול מנעוריו, גבר איז א תרנגול אזוי ווי מ'זאגט הנותן לשכוי בינה, סיי וואס ס'וועקט אויף די מענטשן אינדערפרי ווערט אנגערופן גבר, איז פשט אזוי, טוב לגבר מ'דארף זיך קענען געבן א וועק אויף, כי ישא עול, מ'זאל נעמען אויף זיך די עול, מנעוריו, מ'זאל זאל זיך קענען אפשאצן די גאנצע עבר. מ'קען זאגן פשט אין די ווערטער והערב נא, אז דאס מיינט קוק נישט אויף די עבר מאך דיך בלינד אקעגן די עבר.

**במדבר** איז א לשון קשה, ווען עפעס איז שווער איז נשא דארף מען זיך דערהייבן, בהעלותך איז אויך א לשון פון דערהייבן, מ'דארף זיך געבן א דערהייב איינמאל און נאכאמאל, און אז א מענטש וועט זיך דערהייבן איינמאל און נאכאמאל, איז א ריבוי אחר ריבוי למעט, אז וואס, שלח, וועט אוועק געשיקט ווערן די עגמת נפש און די דיבור די לשון קשה.

**קרח** איז א לשון פון אתפליג ס'האט זיך צוטיילט דער ערד, אז א מענטש וויל צונעמען א זאך, ער צונעמט זיין עבר, דא האב איך געגעדט אזוי, דא האב איך געטראכט אזוי, די עיקר נסיונות איז דא אין די זימער און אין שבת נאכמיטאג ווען מ'קען נישט שלאפן, מ'קען מען קאליע מאכן מיט די מחשבה און מ'קען אריינגיין אין אזעלכע מחשבות פון אפיקרוסית וואס איז נישט געווען זייט די וועלט שטייט, ווייל ווען א מענטש קען נישט שלאפן הייבט ער אָן טראכטן און מ'טראכט פון די עבר און פון די הוה און פון די עתיד, און ער הייבט אן אנצוקומען צו מסקנות, און ווען ער וועקט זיך אויף זונטיג צופרי פאלט אוועק אלע זיינע מחשבות, אלע מסקנות וואס ער האט געטראכט שבת נאכמיטאג איז גארנישט געבליבן דערפון, איז פרשת קרח ואיתפליג פון אלע זיינע מחשבות בלייבט גארנישט.

**חקת** איז חק בלי טעם איך וויל נישט טראכטן, בלק ער האט געוואלט לייגן א עין הרע אויף אידישע קינדער, מ'דארף האבן שמירת עינים און נישט קוקט אויף קיין שלעכטע זאכן, פנחס איז קדושה, פנחס זה אליהו, מ'דארף זיך פירן בקדושה מ'דארף זיך שטארקן, מטות,

מ'דארף זיך געבן א בייג, דעמאלטס איז מסעי, אלעס נעמט זיך פארן.

**ווילאנג** א מענטש גייט אויף זיינע נגיעות אם אין אני כאן מי כאן, אז א מענטש מאכט זיך כאילו ער איז נישט דא דעמאלטס איז מי כאן דעמאלטס וועסטו פארשטיין וואס דו האסט צוטון, מי איז די בחינה פון בינה אז א מענטש וויל וויסן וואס האט ער צוטון דארף ער ארויסנעמען די גאנצע ישות פון זיך, אז א מענטש וויל מאכן א החלטה, למשל ער וויל ארויספארן אויף זומער, די רעבעצין וויל נישט און ער וויל יא, פאר די קינדער גייט נישט אויסקומען גוט די שמירת עינים, פני אלי וחנני אז מ'נעמט אוועק די ישות וועט מען וויסן פונקטליך וואס מ'האט צוטון. אבער טאמער ער בלייבט מיט זיינע נגיעות וועט ער אינערגעץ נישט אנקומען.

**מ'זאגט** מאין באת ולאן אתה הולך, אז א איד וויל מאכן א החלטה און ער וויל וויסן וואס איז מעורר די החלטה, דארף ער וויסן מאין באת ולאן אתה הולך ווי וויל ער אנקומען מיט די החלטה, למשל אז ער וויל גיין זומער אויף אפרו צו קענען זיין אויסגעריהט ווען ס'קומט די הייליגע טעג די יום הדין איז מאכט ער די החלטה צו גיין אויף אזא פלאץ וואס ער קען טאקע זיין אויסגערוט און נישט פארקערט א מקום וואס וועט אים צוברענגען צו פראבלעמען אין שמירת עינים און אין אנדערע ענינים ווייל דאס איז די היפך פון זיי ציל. איז ווען א מענטש וויל מאכן א החלטה דארף מען טראכטן מאין באת פון ווי ער קומט ולאן אתה הולך און ווי וויל ער אנקומען מיט די החלטה.

**ווען** א מענטש האט א ספק איז דא צוויי סיבות פארוואס ער האט די ספק, די אות נאך די ס' פון ספק איז ע', ער האט א ספק ווייל ער האט נישט געגנוג מעיין געווען, און די אות נאך די פ' פון ספק איז צ', ער האט די ספק ווייל ער האט נישט געפרעגט קיין שאלת חכם. ווען מ'פרעגט א שאלת חכם דערלייגט מען נישט, ער וועט נאר געבן א שטיפ צו טון צו די זאך. אין אדם שומע לי ומפסיד, עשה לך רב והסתלק מן הספק, אמאל דארף זיין עשה לך רב, רב מיינט א שליט, ווען א מענטש איז שולט אויף זיך, ער ווייסט ווי ער שטייט אויף דער וועלט, ער ווייסט וואס ער האט צוטון, איז הסתלק מן הספק, האט מען נישט קיין ספיקות.

**ס' ע' פ' צ' ק'** איז כסדרן, אז מ'נעמט ארויס די צ' און די ע', בלייבט ספק, אז מ'וויל ס'זאל בלייבן א ספק, נעמט מען ארויס די ע' אדער די צ'. אמאל קען זיין אז די ספק קומט ווייל מ'איז צופיל מעיין, און אמאל איז עס ווייל מ'האט צופיל צידקות, מ'האט צופיל פרומקייט, מ'זאגט נאך

פון צאנזער רב, פול מיט רשעות און ווייניג מצוות, און אויב מ'האט צופיל פרומקייטן קען מען אריינפאלן אין ספיקות, לאמיר נישט אריינגיין אין קיין פרטים אבער איינער וואס איז צו פרום קומט נישט אן צופיל, און וואס מיינט פרום, ווי הייבט זיך עס אן און ווי ענדיגט זיך עס, דאס דארף יעדער פרעגן א ערליכע איד, א איד דארף זיין פרום קלוג און צו די זאך.

**טוב** איז די יצר טוב און טוב מאוד איז די יצר הרע, מ'דארף זיין טוב גוט, טוב מאוד איז שוין די יצר הרע. ס'איז דא מענטשן וואס האבן פראבלעמען מיט חיתוך הדיבור ביי קריאת שמע און ביי מגילה זיי מוטשענען זיך מיט די ווערטער צו זיי האבן עס גוט געזאגט צו נישט און זיי זאגן דורכדעם די איבערשטערס נאמען צוואנציג מאל, שטייט ולא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה, איינער וואס איז נשא לשוא נפשי איז נישט קיין יעלה בהר ה'.

**די** וואך איז פיל מיט גרויסע טעג, מ'דארף זיך אויסוויינען ביי אהבה רבה פון ראש חודש סיון ביז שבועות מ'זאל מצליח זיין אין לערנען. על מה אבדה הארץ על שלא ברכו בתורה תחלה, די וואך איז שוין אין ארץ ישראל פרשת נשא, און דא איז במדבר, מ'קען זאגן א קשר צווישן די צוויי פרשיות, נאר ס'איז מרמז אז במדבר יעדע שווערעקייט וואס א מענטש האט נשא טוט עס אים דערהייבן, יעדע מדבר האט א סנה און א שטאך, יעדע עגמת נפש וואס א איד האט ווערט ער דורכדעם דערהויבן.

**על** כפים ישאונך פן תגוף באבן רגלך. ווען א מענטש געבט זיך א בייג, אבן איז די יצר הרע אם אבן הוא נימוח, על כפים ישאונך טאמער וועסטו דיך געבן א בייג פן תגוף באבן רגליך וועסטו נישט אריינקלאפן אין די יצר הרע. ס'איז דא א גוטע משל אויף לימוד התורה די סמבטיון שטייט אז ס'פליט דארט שטיינער וואס מ'קען נישט דארט אדורכגיין אבער אינטער די וואסער קען מען יא אדורכגיין, די זעלבע איז ביי תורה ווען מ'איז אין די ים התלמוד דעמאלטס איז נישט דא די יצר הרע נישט קיין שטיינער נאר ווען מ'איז אינדרויסן פון די ים התלמוד דעמאלטס קומט די שטיינער די יצר הרע.

**רוב** מענטשן ווייסן אפילו נישט וואס זייערע נסיונות זענען זיי זענען אזוי מצומצם מיט זייערע נסיונות, אבער ווילאנג מ'איז ארומגענומען מיט די תורה מיט תלמידי חכמים מ'איז אין די עמוד התורה איז מען ארומגענומען מיט חסד ורחמים, איז ווילאנג מ'איז אינטער די וואסער די סמבטיון, דעמאלטס פליען נישט קיין שטיינער, אפילו ס'פליען שטיינער

אבער ס'קען נישט מזיק זיין, אבער די סעקונדע וואס מ'גייט ארויס פון די וואסער קומען צופליען שטיינער, אם אבן הוא נימוח דאס איז די יצר הרע.

**איך** האב געהאט צוטון מיט די פיס און אפאר וואכן האב איך נישט געקענט גיין אויף די פיס צו ווייט איך האב נאר געקענט גיין ביי מיר אינדערהיים, בין איך געזעצן אויף די פארטש, און ס'איז געקומען א פליג, א זבוב, נישט סתם א זבוב נאר א גרויסע, און איך האב נישט געקענט פטור ווערן פון די זבוב, בין איך אריין אין בעט און נישט מער און נישט ווייניגער ער איז מיט געקומען אין בעט, און פלוצלונג איז ער נעלם געווארן און נאכדעם צוריק געקומען און נאכדעם נאכאמאל נעלם געווארן, ביז איך האב באמערקט אז ביי די פענסטער איז דא א סקרין און ביי די סקרין איז דא א לאך פונקט אזוי גרויס פאר די פליג צו קומען און גיין, און די לאך איז דארט שוין פינעף יאר, דאס מיינט אז שוין פינעף יאר פאר דעם האט שוין דער אויבערשטער צוגעגרייט די לאך פאר די פליג ער זאל קענען קומען און גיין.

**דאס** איז במדבר איז א לשון קשה, האסט א שוועריקייט, אבער נשא, אלעס איז מיט א חשבון פון אויבן, פון ששת ימי בראשית איז שוין אנגעגרייט די און די לאך אז דו זאלסט קענען פטור ווערן פון דיין שוועריקייט, ס'איז אויסגערעכנט יעדער ריר וואס ס'דארף זיין, יעדע איד דארף זיך מחזק זיין מיט אמונה פשוטה אמונה גראד אלעס אויס.

**די** יצר הרע איז דומה צו א זבוב, א זבוב שטייט אויף די קאפ און ווען ער פילט מ'גייט אים כאפן איז ער ווילד, די זעלבע איז די יצר הרע, און אזוי ווי א בין געבט ארויס האניג די זעלבע איז די יצר הרע נאר דורך די יצר הרע פילט מען א זיסע טעם אין די תורה, און ס'שטייט אין אור החיים הק' אם היו בני אדם מרגישים בעריבות ומתיקות התורה היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא היה נחשב בעיניהם כסף וזהב למאומה, עכ"פ די גאנצע טעם וואס מ'האט אין לערנען איז יששכר חמור גרם, די חומריות איז גורם אז מ'זאל פילן א טעם אין לערנען.

**אז** מ'האט נישט קיין יצר הרע קען מען נישט לערנען ס'איז דא דערהויבענע אידן וואס זענען אזוי פרוש און מובדל פון די וועלט אז זיי קענען נישט לערנען נגלה זיי מוזן לערנען קבלה, שטייט טאקע אז ווען א מענטש זעהט אז נאך פינעף יאר וואס ער האט געלערנט נגלה און ער פארשטייט נישט קען ער לערנען קבלה, אז מ'האט נישט קיין שייכות מיט חומריות מ'האט נישט קיין יצר הרע פארשטייט מען נישט די תורה הקדושה.

**און** וועגן דעם איז מען נאר מתפלל ואל ישלוט בי יצר הרע, מ'בעט נישט מ'זאל נישט האבן קיין יצר הרע ווייל מ'דארף האבן די יצר הרע, מ'בעט נאר אז די מענטש זאל געווינען די יצר הרע, די יצר הרע זאל נישט שולט זיין אויף מיר ער זאל נישט מאכן די מצב ערגער פון וואס ס'איז.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זיך צוגרייטן ביז ראש חודש סיון, ווייל דעמאלטס דארף מען אנהייבן צו ווינען אויף לימוד התורה, והאר עינינו בתורתך, מ'זאל זוכה זיין אז שבועות זאל מען ארויסגיין פון גלות, בפרט אזא יאר ווי דאס יאר וואס איז שנת השמיטה זאל זיין ושבתה הארץ שבת לה'.